**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/6/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול אנאנסירט דעזיגנירונג פון קאוויד-19 אלס א לופט-געטראגענער אנשטעקיגע קרענק אונטער ניו יארק סטעיט׳ס ׳הירא אקט׳**

***דעזיגנירונג דורך דער סטעיט העלט דעפארטמענט פארלאנגט פון אלע ארבעטסגעבער איינצופירן ארבעטספלאץ סעיפטי פלענער צו העלפן באשיצן ארבעטער פון קאוויד-19***

***געזעץ באשיצט ארבעטער פון נקמה שריטן נאכ׳ן איינגעבן א קלאגע וועגן ארבעטסגעבער וואס פארפעלן נאכצופאלגן דער געזעץ אדער דער איינגעפירטער פלאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דער העלט קאמישענער האט דעזיגנירט קאוויד-19 א הויך-אנשטעקיגע קרענק וועלכס שטעלט אין אן ערנסטן געפאר פון שאדן פאר די פובליק געזונטהייט אונטער ניו יארק סטעיט׳ס העלד אקט, וועלכס פארלאנגט פון אלע ארבעטסגעבער איינצופירן ארבעטספלאץ סעיפטי פלענער אין פאל פון אן לופט-געטראגענער אנגשטעקיגע קרענק, העלפנדיג צו פארמיידן ארבעטספלאץ אינפעקציעס. דער ניו יארק HERO אקט פארלאנגט נייע ארבעטס-פלאץ געזונטהייט און זיכערהייט באווארענישן אלס אפרוף צו דער קאוויד-19 פאנדעמיע. אונטער׳ן געזעץ דארפן אלע ארבעטסגעבער איינפירן אן ארבעטס-פלאץ סעיפטי פלאן, און עס איינפירן פאר אלע לופט-געטראגענע אנגשטעקיגע קרענק דעזיגנירט דורך דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט. ארבעטסגעבער קענען איינפירן א מוסטער סעיפטי פלאן ווי געשאפן דורך דער ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט, אדער אנטוויקלען זייער אייגענע סעיפטי פלאן אין איינקלאנג מיט HERO אקט סטאנדארטן.

"טראץ דעם וואס מיר העכערן אונזערע וואקסינאציע ציפערן, איז דער קאמף קעגן דער דעלטא וועריענט נאכנישט פאריבער, און מיר דארפן טון אלעס וואס מיר קענען צו באשיצן אונזערע ארבעט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די דעזיגנירונג וועט פארזיכערן אז באשיצונגען זענען אין פלאץ צו האלטן זיכער אונזערע ארבעטער און שטיצן אונזערע באמיאונגען צו באקעמפן דעם ווירוס און הייבן געזונטהייט און זיכערהייט."

דער HERO אקט׳ס צוועק איז צו פארזיכערן אז ביזנעסער זענען גרייט מיט פראטאקאלן און רעסורסן צו באשיצן זייערע ארבעטער און דער פובליק פון דער פארשפרייטונג פון לופט-געטראגענער אנגשטעקיגע קרענק, ווי קאוויד׳ס דעלטא ווערינט.

אונטער דער HERO אקט האט דער DOL אנטוויקלט אין ראטונג מיט דער DOH האט אנטוויקלט א נייע סטאנדארט און א פלאן אויף צו פארמיידן דאס זיין אויסגעשטעלט צו לופט-געטראגענער אנגשטעקיגע קרענק, און פארשידענע אינדוסטריע-ספעציפישע מוסטער פלענער פאר דאס פארמיידן זיין אויסגעשטעלט צו לופט-געטראגענער אנגשטעקיגע קרענק. מער אינפארמאציע און אינדוסטריע-ספעציפישע מוסטערן פאר ארבעטסגעבער זענען פארהאן אויף דער DOL׳ס וועבזייטל.

**סענאטאר מייקל דזשיאנאריס האט געזאגט,** "איך בין זייער דאנקבאר אז גאווערנער האקול האט

גענומען שנעלע שריטן צו ראַטעווען לעבנס און באַשיצן אַרבעטער דורך איינפירן דער ניו יאָרק HERO אַקט. עס האָט צו לאַנג גענומען איינצופירן, און צופיל אַרבעטער האָבן שוין מקריב געווען זייער געזונט פאַר אונזער קאַמיוניטי׳ס בענעפיט, אָבער מיר קענען שוין ענדליך אָנערקענען זייערע באַמיאונגען דורך געבן פאַר אַרבעטער די מיטלען זיך צו באַשיצן ביי דער אַרבעט."

**אַסעמבלי-מיטגליד קאַרינעס רעיעס האָט געזאָגט,** "ניו יאָרקערס וואַרטן שוין מיט אומגעדולד דאָס זיכערע צוריק אויפעפענען פון אונזער סטעיט. מיט דאָס שטייגן פון דער מער אַנשטעקיגע קאָוויד-19 דעלטאַ וואַריענט, מוזן מיר נעמען יעדע שריט וואָס מעגליך צו האַלטן דעם ווירוס אונטער קאָנטראָל. איך קאָמענדיר די גאָווערנער פאַר׳ן נעמען באַלדיגע שריטן און דירעקטירן דעם העלט דעפּאַרטמענט צו אידענטיפיצירן קאָוויד-19 אַלס "הויך אַנשטעקיג". דאָס גאַנצע איינפירן פון דער ניו יאָרק HERO אַקט וועט פאַרזיכערן אַז ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט האָבן זיכערהייט פּראָטאָקאָלן אין פּלאַץ אויף אָפּצוהיטן אַרבעטערס און קאַסטומערס קעגן לופט-געטראָגענער אַנגשטעקיגע קרענק ווי קאָוויד-19."

**מאַריאַ סילענטאַ, פּרעזידענט פון ניו יאָרק סטעיט AFL-CIO, האָט געזאָגט,** "איך דאַנק גאָווערנער האָקול פאַר׳ן נעמען קלאָרע און באַלדיגע שריטן, איבערהויפּט אום לעיבאָר דעי, צו פאַרזיכערן אַז דער קריטיש-וויכטיגער ניו יאָרק HERO אַקט ווערן אַנגעוואַנדן ווי עס באַדאַרף צו זיין, צו באַשיצן אַרבעטערס פון קאָוויד-19 און צוקונפטיגע אַנשטעקיגע קרענק. פון׳ם ערשטן טאָג האָט גאָווערנער האָקול צוגעזאָגט צו אַרבעטן אינאיינעם מיט׳ן לעגיסלאַטור און לעיבאָר צו ליפערן פאַר אַרבעטער, און דער שריט ערפילט דעם צוזאָג."

**פּעט קעין, RN עקזעקיוטיוו דירעקטאָר פון דער ניו יאָרק נורסעס אַסאָסיעשען, האָט געזאָגט,** "איך דאַנק גאָווערנער האָקול פאַר׳ן מאַכן געזונט און זיכערהייט ביים דער אַרבעטס-פּלאַץ אַ פּריאָריטעט דורך נעמען שריטן אויף דער ניו יאָרק HERO אַקט דעם לעיבאָר דעי. דאָס וועט פאַרזיכערן אַז אונזערע נורסעס און אַלע אַרבעטער וועלן ענדליך האָבן זייערע רעכטן פאַר אַ זיכערע אַרבעטס סביבה דורכאויס דער קאָוויד-19 פּאַנדעמיע אינפאַרסירט און באַשיצט."

**ווינסענט אַלוואַרעז, פּרעזידענט פון ניו יאָרק סיטי צענטראַל לעיבאָר קאָונסיל פון AFL-CIO, האָט געזאָגט,** "מיר זענען דאַנקבאַר פאַר גאָווערנער האָקול פאַר אירע שטאַרקע פירערשאַפט אין דער צייט וואָס מיר באַקעמפן די קאָוויד וואַריענטס, און פאַר׳ן נעמען שריטן צו האַלטן זיכער אַרבעטער. אַרבעטער האָבן שוין צופיל מקריב געווען אין לויף פון דער פּאַנדעמיע, און דער דעזיגנירונג וועט העלפן פאַרזיכערן אַז קיין איין אַרבעטער דאַרף זיך נישט איינשטעלן די אייגענע געזונט און זיכערהייט, אָדער די פון זייער פאַמיליע, בשעת זיי זענען פאַר ווייטער צוצושטעלן נייטיגע סערוויסעס פאַר אונזער שטאָט און סטעיט."

**סטוערט עפּלבאַום, פּרעזידענט פון ׳ריטעיל, האָולסעיל ענד דעפּאַרטמענט סטאָר יוניאַן׳, האָט געזאָגט,** "אַזוי ווי דער פּאַנדעמיע ווערט ווידעראַמאָל אויסגעהויבן, דאַרף אַרבעטס-פּלאַץ זיכערהייט ווערן פּריאָריטיזירט. מיר דאַרפן די אינפאָרסירנדע סטאַנדאַרטן ביי דער סטעיט שטאַפּל צוגעשטעלט אין דעם אַקט צו האַלטן זיכער אַלע ניו יאָרקער אַרבעטער. קיין איין אַרבעטער זאָל נישט געצווינגען ווערן זיך צו מקריב זיין זייער געזונט און זיכערהייט אויף צו פאַרדינען אויף זייער חיונה. מיר דאַנקען גאָווערנער האָקול פאַר׳ן אַנאַנסירן אַז דער העלט קאָמישענער האָט דעזיגנירט קאָוויד-19 אַלס אַן ערנסטער געפאַר פאַר פּובליק געזונטהייט אונטער דער NYS HERO אַקט. דאָס איז דער פּאַסיגער שטייגער אָפּצומערקן לעיבאָר דעי אין 2021."

**טיעמסטערס דזשאוינט קאָונסיל 16 פּרעזידענט טאָמאַס דזשעסולאַדי האָט געזאָגט,** "טיעמסטערס און אַנדערע נייטיגע אַרבעטער זענען געבליבן ביי די אַרבעט דורכאויס די שפּיץ פון דער פּאַנדעמיע אָפטמאָל אין די באַשיצונגען וואָס זיי האָבן געדאַרפט אויף זיך צו האַלטן זיכער, אַרויסצוברענגען אונזער סטעיט דורך דער קריזיס. אַזוי ווי דער דעלטאַ וואַריענט זעצט פאָר ווייטער צו צירקולירן און מער ניו

יארקערס קערן זיך אום צו דער ארבעט, וואס דער דעזיגנירונג פארזיכערן אז ארבעטער האבן אינפארסירבארע סטאנדארטן וואס זיי דארפן אויף צו קענען טון זייער ארבעט אומגעשעדיגט און אהיימגיין צו זייערע פאמיליעס. מיר לויבן גאווערנער האקול פאר׳ן נעמען די שריטן צו באשיצן אונזערע נייטיגע ארבעטער."

**בעווערלי ברעיקמען, ראיאנישע דירעקטאר פון יונייטעד אוטאו וואורקערס רידזשען A9, האט געזאגט,** "עס איז נישטא מער א פאסיגער אופן צו פארעהרן היינט לעיבאר דעי, און אלע ארבעטער וואס ארבעטן נאך אין לויף פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע, ווי פולשטענדיג איינפירן דער ניו יארק HERO אקט. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין זאגן פאר ארבעטסגעבער אז זיי מוזן צושטעלן פאר אלע זייערע ארבעטער, די לעבנסקראפט פון זייערע ביזנעסער, מיט א זיכערע ארבעט סביבה. פולשטענדיג איינפירן דער ניו יארק HERO אקט, וועלכס לעיבאר און קאמיוניטי גרופעס האבן געארבעט אינאיינעם צו דערגרייכן, איז א גרויסע ערשטע שריט."

די פלענער אנגענומען דורך ארבעטסגעבער מוזן אדרעסירן א צאל זיכערהייט מאסנאמען, אריינגערעכנט אבער נישט אויסשליסלעך, ארבעטער געזונטהייט סקרינינג, מאסקעס און סאציאלע אפזונדערונג פארלאנגען, ארבעטס-פלאץ היגיענע סטאנציעס, ארבעטס-פלאץ רייניגונג פראטאקאלן, קוואראנטין פראטאקאלן, און געביידע לופט-פליס טעכנאלאגיע.

ארבעטסגעבער מוזן אויסטיילן זייער ארבעטס זיכערהייט פלאן צו אלע ארבעטער און עס אויפהענגען אויף אן אנזעעוודיג און פראמינענטע לאקאציע אינערהאלב יעדע ארבעט-ארט.

אין צוגאב אנטהאלט אויך דער HERO אקט אנטי-נקמה באשיצונגען פאר ארבעטער, וועלכס פארבאט דיסקרימינאציע אדער בייזע שריטן קעגן אן ארבעטער פאר׳ן נאכפאלגן די פארלאנגען, באריכטן זארגן וועגן דאס איינפירן פון דעם פלאן, אדער פאר׳ן נישט מסכים זיין צו ארבעטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן